**עפּלבוים, בעריש** — (25סטן סעפּ׳ 1887 — 15טן יולי 1945) — (פֿולער נאָמען: מנחם־בעריש) געב׳ אין וואוקין, לובלינער געג׳, פּוילן. זײַן פֿאָטער ישׂראל־לייב, אַן אַלטער קאָצקער חסיד, איז געווען אַ שוחט. צו 5 יאָר שוין געלערנט גמרא און צו 15 יאָר געשמט פֿאַר אַן עילוי. צו 15 יאָר האָט דער פֿאָטער אים אָנגעהויבן לערנען שחיטה, אָבער בערישן האָט געצויגן צו פּילפּול — און חקירה־ספֿרים און אונטער דער השפּעה פֿון רמבמס ספרים האָט ער זיך אָפּגעקערט פֿון חסידישער פֿרומקייט. אָנגעלייענט זיך מיט אַ סך שמרס ראָמאַנען, האָט ער אַליין אָנגעהויבן שרײַבן אַזא ראָמאַן; פֿאַרפֿאַסט העברעאישע חרוזים און אויך אָנגעשריבן אַ פּילפּול־ספֿר אויף קדושין. צו 18 יאָר אַוועק קיין וואַרשע, און דאָרטן זיך שטאַרק געפּלאָגט, געלערנט אַ ביסל רוסיש און פּויליש און אין אַ האַלב יאָר אַרום געמוזט פֿאָרן צוריק אַהיים. דרײַ יאָר שפּעטער צוריקגעקומען קיין וואַרשע און זיך גענומען צו פֿאַרשיידענע אַרבעטן. געלעבט אַ צײַט אין לאָדזש. 1912 דעביוטירט מיט אַ דערציילונג א״ט „צוויי דורות״ אין לאָדזשער טאָגעבלאַט א״ר פֿון י. אונגער, דערנאָך, בעת ער האָט געלעבט אין אַ פּראָווינץ־שטאָט, אָנגעהויבן שרײַבן חסידישע דערציילונגען, פֿאָלקסטימלעכע מעשׂיות. די ערשטע מעשׂה געדרוקט אין אונזער לעבן,

די אַנדערע — אין לאָדזשער טאָגעבלאַט, אין פֿרײַנד, הײַנט, בערדיטשעווער פֿאָלקס־שטימע א״אַ. נאָכן אויסברוך פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה פֿאַרוואַנלט געוואָרן קיין אָדעס, דאָרטן מיטגעאַרבעט אין אונזער לעבן, דאָס נײַע לעבן, קאָמוניסטישע שטים א״אַ. אַרום 1920 צוריקגעקומען קיין וואַרשע, זיך באַטייליקט אין פֿאַרשיידענע צײַטונגען, געאַרבעט איבערהויפּט אויף יִדישע איבערזעצונגען אין פֿ״ג „צענטראַל״. סוף 1922 פֿאַרלאָזט פּוילן און זיך באַזעצט אין נ״י, שפּעטער אין פֿילאַדעלפֿיע. מיטגעאַרבעט אין יִדישעס טאָגעבלאַט, דערנאָך אַריבער אין מ״זש, געשריבן אַהער זייער אַ סך סקיצן, דערציילונגען און ראָמאַנען. געדרוקט גרעסערע נאָוועלן און קריטישע אַרטיקלען אין צוקונפֿט, פֿעדער, פֿאַ״ש (נ״י) א״אַ. אויך געשריבן אויף העברעאיש אין העולם, הזמן, הצפֿירה א״אַ. זיך באַנוצט מיט די פּסעוודאָנימען ד״ר ב. גרינבלוי, א. וואַסערשטיין, פּענסנע און ב. תּפּוח. זײַן ראָמאַן אויפֿברויז (פֿאַרלאַג „וואַנדערער״, וואַרשע, 1923), איז דראַמאַטיזירט געוואָרן און אין 1925־1926 אויפֿגעפֿירט געוואָרן אין אַ קיִעווער סטודיע־טעאַטער. דעם 12טן אָקט׳ 1929 איז זײַן גערעַנגל, אַ שפּיל אין 9 בילדער און דרײַ אַקטן אויפֿגעפֿירט געוואָרן דורך דער ווילנער טרופּע אין נ״י. א״פּ עזר־בית געשריבן וועכנטלעכע טעאַטער־רעצענזיעס אין דער פֿילאַדעלפֿיער אויסגאַבע פֿון מ״זש. געשטאָרבן אין פֿילאַדעלפֿיע. אין בוכפֿאָרעם: אין פֿריען האַרבסט (דערציילונג), פֿ״ג „יִדיש״, קאָוונע־בערלין, 1921, 58 זז׳; פֿינסטערע וועגן (פֿון לעצטער אוקראַיִנע), פֿ״ג „צענטראַל״, וואַרשע, 1922, 163 זז׳; אַ געוויטער, פֿ״ג „צענטראַל״, וואַרשע, 1923, 216 זז׳; אויפֿברויז, פֿון דער שטורמישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, 1917־1919 (2 טיילן אין איין ב׳), פֿ״ג „וואַנדערער״, וואַרשע, 1923; אמנון און תּמר (איבערזעצונג פֿון א. מאַפּו, אהבת־ציון), פֿ״ג „צענטראַל״, וואַרשע, 1923, 319 זז׳; די זינד פֿון שומרון (איבערזעצונג פֿון א. מאַפּו אשמת שומרון), פֿ״ג „צענטראַל״, וואַרשע, 1923, 358 זז׳; זכרונות וועגן מענדעלען (פֿון פֿאַרשיידענע שריפֿטשטעלער, אַ באַאַרבעטונג), פֿ״ג „מענדעלע״, וואַרשע, 1923, 149 זז׳; דער וואָס האָט געבלאָנדזשעט (איבערזעצונג פֿון פּרץ סמאָלענסקין מיט אַ ביאָגראַפֿיע און אַ כאַראַקטעריסטיק פֿון פּרץ סמאָלענסקין, געשריבן פֿון ר. ברײַנין), 2 בב׳ אין איין ב׳, פֿ״ג „ספֿר״, וואַרשע, 1927; אויפֿן שוועל, (ראָמאַן אין דרײַ טיילן), פֿ״ג בזשאָזאַ, וואַרשע־נ״י, 1928, 382 זז׳; דערציילונגען, פֿ״ג „אחיספֿר״, וואַרשע, 1931, 404 זז׳; ברידער, (ראָמאַן), פֿ״ג בזשאָזאַ, וואַרשע, 1931, 161 זז׳; דעם זיידנס שקיעה, פֿ״ג בזשאָזאַ, וואַרשע, 1941 113 זז׳; שיידוועג, אַרויסגעגעבן דורך „קדימה־צענטראַל״, פֿילאַדעלפֿיע, 1935, 308 זז׳; פֿאַרלאָשן ליכט. אַרויסגעגעבן דורכן אַלוועלטלעכן יִדישן קולטור־פֿאַרבאַנד, 1944, 171 זז׳. אַ צאָל פֿון זײַנע ראָמאַנען אַרײַנגערעכנט „מישקע יאַפּאַנטשיק״ א״אַ זײַנען ניט אַרויס אין בוכפֿאָרעם.

ז. רייזען, לעקסיקאָן, ב׳ 2; ג. קרסל, לכּסיקון הספֿרות העברית בדורות האחרונים, ב׳ 1; ז. זילבערצווייג, לעקסיקאָן פֿון יִדישן טעאַטער, ב׳ 2; ש. ניגער, צוקונפֿט, נ״י, מײַ 1924; ב. ריווקין, צוקונפֿט, נ״י, יולי 1928; א. גלאַנץ, טאָג, נ״י, 19טן אָקט׳ 1928; ד״ר א. מוקדוני, מ״זש, נ״י, 19טן אָקט׳ 1928; ל. פֿאָגעלמאַן, פֿאָרווערטס, נ״י, 26סטן אָקט׳ 1928; ראָרט, 31סטן יולי, 1931; מ. ראַוויטש, ווכ״ש פֿאַר ליטעראַטור, 24סטן אַפּריל 1931; א. אַלמי, מענטשן און אידייען, וואַרשע, 1933, זז׳ 112־121; ש. ד. זינגער, קענעדער אָדלער, 13טן אויג׳ 1935; אַלמאַנאַך, 10 יאָריקער יובילײ, ב. עפּלבוים לייען קרייז, פֿילאַדעלפֿיע, 1947; ש. סלוצקי, א. רייזען־ביבליאָגראַפֿיע, נ״י, 1956, נומ׳ 4915.

ל. וו.